# גליון אם חכם בני

תלמידי הישיבות צעירי הצאן מחדשים וכותבים

## פרשת תולדות - שנה א' גליון ג'

**ואלה** תולדות יצחק בן אברהם (כ"ה י"ט) פרעגט הב' **שמואל** ב"ר יוסף **מונדרוביץ** (דרכי אבותינו) פארוואס שטייט 'בן אברהם', ענטפערט הב' **יחזקאל שרגא** ב"ר יואל זוסמאן **ליסוער** (דרכי אבותינו) די תורה איז מרמז אז יצחק האט זוכה געווען צו קינדער בזכות אברהם ווייל דער אייבישטער האט אים צוגעזאגט 'לזרעך אתן את הארץ הזאת'. והב' **שמואל** ב"ר עקיבא **רוזנבערג** (דרכי אבותינו) ענטפערט אז יצחק האט זוכה געווען צו קינדער בזכות העקידה שנעקד ע"י אברהם. והב' **ישראל מאיר** ב"ר שמואל חיים **וויינגארטען** (דרכי אבותינו) ענטפערט אז נאכדעם וואס די תורה רעכענט אוים די קינדער פון עשו דערמאנט אונז די תורה אז די עיקר קינד פון אברהם איז יצחק. והב' **משה יהושע** ב"ר שמואל דוד **ראפאפארט** (דרכי אבותינו) ענטפערט אז 'בן' איז בגימטריא 'בכל' לרמז אז אלעם וואס אברהם האט געהאט איז געווען ווערד אזוי ווי גארנישט קעגן יצחק וואס איז ווערד אזוי ווי 'הכל'. והב' **צבי** ב"ר אברהם **לעבוויטש** (דרכי אבותינו) ענטפערט אז אלעם וואס אברהם האט געלערענט האט ער איבערגעגעבן פאר יצחק אזוי ווי מ'געפינט אין רש"י (ל"ז ג') כל מה שלמד יעקב משם ועבר מסר ליוסף:

**אברהם** הוליד את יצחק (כ"ה י"ט) פרש"י לפי שהיו ליצני הדור אומרים מאבימלך נתעברה שרה, צר קלסתר פניו דומה לאברהם והעידו הכל אברהם הוליד את יצחק, פרעגט הב' **יהושע** ב"ר יקותיאל דוב **שטיינער** (דרכי אבותינו) פארוואס מאכט זיך די תורה בכלל וויסענדיג פון די ליצני הדור? ווייל יצחק האט געדארפט האבן זכותים צו קענען זוכה זיין צו קינדער און ווען א מענטש ווערט פארשעמט איז ער זוכה צו ישועות והשפעות טובות. והב' **ירחמיאל** ב"ר צבי **שפיגעלמאן** (דמשק אליעזר) תירץ די תורה פארציילט אז שרה אליינס האט נישט געגלייבט אז אברהם קען נאך האבן קינדער דכתיב ותצחק שרה ... ואדוני זקן (י"ח י"ב) איז דאך א קל וחומר אז די אנדערע מענטשן פונם דור האבן נישט געגלייבט, די תורה זאגט דאס פאר די מענטשן פונם דור און נאר בדרך אגב איז דאס שוין א תירוץ אויך פאר די ליצני הדור:

**יצחק** בן אברהם אברהם הוליד את יצחק (כ"ה י"ט) פרש"י לפי שהיו ליצני הדור אומרים מאבימלך נתעברה שרה מה עשה הקב"ה צר קלסתר פניו של יצחק דומה לאברהם והעידו הכל אברהם הוליד את יצחק, מערקט אן הב' **אברהם** ב"ר יעקב **געלבוואקס** (דרכי אבותינו) אז וויבאלד די סדר פון די תורה אסאך מאל איז צו שרייבן 'בן' מיטן טאטענס נאמען וואלט מען דאס נישט געקענט ארויסלערנען אבער נאכדעם ואום די תורה שרייבט א דאפלט לשון קען מען שוין דרשנען דערפון אז אברהם האט אים געבוירן:

**ויהי** יצחק בן ארבעים שנה בקחתו את רבקה (כ"ה כ'), פרש"י המתין לה עד שתהא ראויה לביאה ג' שנים ונשאה. פרעגט הב' **ירחמיאל** ב"ר צבי **שפיגעלמאן** (דמשק אליעזר) פארשטענדליך אז ביי די 37 האט יצחק שוין געווארט נאך דריי יאר אבער פארוואס האט ער לכתחילה געווארט ביז די זיבן און דרייסיג? ענטפערט הב' **זבולן** ב"ר שלמה **האבערפעלד** (דמשק אליעזר) פון דא קען מען לערנען דאס וואס דאמר רב יהודה אמר רב ארבעים יום קודם יצירת הולד בת קול יוצאת ואומרת בת פלוני לפלוני (סוטה ב' א.). והב' **יוסף** ב"ר נפתלי **ברעבער** (דמשק אליעזר) ענטפערט אז אויב יצחק וואלט חתונה געהאט פריער וואלט ער געהאט קינדער און די נסיון העקידה וואלט שוין נישט געווען אזא שטארקע נסיון:

GilyonECB@gmail.com

**ויעתר** לו ה' ותהר רבקה אשתו (כ"ה כ"א) פרש"י לו, ולא לה, שאין דומה תפלת צדיק בן צדיק, לתפלת צדיק בן רשע, לפיכך לו ולא לה. פרעגט הב' משה יצחק ב"ר יו"ט ליפא **נייהויז** (דמשק אליעזר) דלכאורה איפכא מסתברא, א בן צדיק איז געוואקסן אין א ערליכע שטוב און געזעהן די עבודה פון זיין הייליגע טאטע איז דאך אסאך גרינגער פאר אים צו זיין א צדיק אבער א בן רשע איז געוואקסן ביי א טאטע א רשע פאר אים איז דאך אסאך שווערער צו זיין א צדיק? ותירץ שבן רשע האט שוין געזעהן אז אלע תאוות און עבירות זענען גארנישט ווערד ממילא איז פאר אים אסאך גרינגער צו זיין א צדיק אבער א בן צדיק מיינט נאך אז פאר דעם בן רשע איז בעסער ווייל ער קען טון וואס און אזוי ווי די וועלט זאגט אז יענעמס גראז איז גרינער, ממילא איז אים אסאך שווערער צו זיין א צדיק:

**ויתרצצו** הבנים בקרבה (כ"ה כ"ב) פרש"י מתרוצצים זה עם זה ומריבים בנחלת שני עולמות. פרעגט הב' יהודה ב"ר אהרן **סאממער** (דמשק אליעזר) פארוואס איז דער רשע עשו געווען נייגעריג אין עולם הבא? ענטפערט הב' יהושע ב"ר שלמה **פיינער** (דמשק אליעזר) זייענדיג א זין פון יצחק האט עשו געוויסט אז די ריכטיגע הנאה איז עולם הבא. והב' **אליעזר** ב"ר ישראל **גשטטנר** (דמשק אליעזר) ענטפערט אז א קינד לערענט דאך כל התורה כולו מיט א מלאך, בשעת עשו האט געלערענט מיטן מלאך האט ער געוואלט עולם הבא:

**ויתרצצו** הבנים בקרבה (כ"ה כ"ב) פרש"י מתרוצצים זה עם זה ומריבים בנחלת שני עולמות. פרעגט הב' מרדכי ב"ר יוסף **רעטטער** (דמשק אליעזר) פארוואס האט דער צדיק יעקב זיך געקריגט אויף עולם הזה? ותירץ צו קענען לערנען מתוך הרחבת הדעת. והב' **חיים** ב"ר דוד **פליישער** (דמשק אליעזר) ענטפערט אז דעמאלטס זענען שוין אברהם און יצחק געווען גרויסע עשירים און יעקב האט נאך נישט געוויסט אז צדיקים תחילתם יסורים ורק סופם שלווה.

**ושני** לאמים ממעיך יפרדו (כ"ה כ"ג) פרש"י מן המעים הם נפרדים זה לרשעו וזה לתומו פרעגט הב' **צבי** ב"ר יהושע **הורוביץ** (דמשק אליעזר) פארוואס איז בכלל געבוירן געווארן צו יצחק א זין א רשע? ענטפערט הב' **אליעזר צבי** ב"ר דוב **פיוטרקובסקי** כדי ער זאל קענען דינען יעקב אזוי ווי עס שטייט ורב יעבד צעיר:

**הלעיטני** נא מן האדם האדם הזה (כ"ה ל') פרש"י עדשים אדומות ואותו היום מת אברהם שלא יראה את עשו יוצא לתרבות רעה ... לפיכך קצר הקב"ה ה' שנים משנותיו. פרעגט הב' שלמה ב"ר פנחס דניאל **מעטה** (דמשק אליעזר) אין רש"י פסוק כ"ג שטייט אז עשו איז שוין געבוירן אלס רשע, אויב אזוי פארוואס איז אברהם נישט אוועק גלייך ווען עשו איז געבוירן? ענטפערט הב' יהושע ב"ר שלמה **פיינער** וויבאלד א קטן איז פטור פון מצוות איז נישט געווען אנערקענבאר די רשעות פון עשו ביז ער איז געווארן א גדול. והב' מרדכי ב"ר יוסף **רעטטער** (דמשק אליעזר) ענטפערט אז ביז די בר מצוה האט מען נישט די אייגענע יצר טוב נאר מען האט דעם טאטענס יצר טוב און ווילאנג עשו האט געהאט יצחק'ס יצר טוב האט מען נישט דערקענט זיין רשעות. והב' **אליעזר** ב"ר ישראל **גשטטנר** ענטפערט אז עשו איז געווען באקאנט מיר זיין גרויסע כיבוד אב ואם און ביז די בר מצוה שטראפט מען דעם טאטען פאר די עבירות פונם קינד (פארדעם מאכט דער טאטע די ברכה 'ברוך שפטרנו' ווען א קינד ווערט בר מצוה) דעריבער האט עשו נישט געזינדיגט ביז ער איז געווארן א גדול:

**הלעיטני** נא מן האדם האדם הזה (כ"ה ל') פרש"י עדשים אדומות ואותו היום מת אברהם שלא יראה את עשו יוצא לתרבות רעה ... לפיכך קצר הקב"ה ה' שנים משנותיו. פרעגט הב' יוסף ב"ר ישעי' הכהן **גראסמאן** (דמשק אליעזר) פארוואס איז יצחק נישט אוועק וועגן די זעלבע סיבה? ענטפערט הב' שלמה ב"ר פנחס דניאל **מעטה** (דמשק אליעזר) ווייל עשו האט געפאפט יצחק אזוי ווי עס שטייט 'ויצחק אהב את עשו כי ציד בפיו':